מיניסטעריום. דאַרף מען פאַרשטיין, איז אַ רעגירונגס אָפיס, כאָטש דער רעליגיע מיניסטער איז גראָד ביז היינט געווען אַ רעליגיעזער פאַרשטייער ווי דער פריערדיגער מיניסטער משה שפּירא, אָדער דער היינטיגער רב טאָלעדאנא.

עס קאָן דאָך אויך טעאָרעטיש געמאָלט זיין, אַז דער אפילו ניט קיין רעליגיעזער איד, פּונקט ווי עס דאַרף ניט זיין קיין רעליגיעזער איד, למשל, דער אינערן מיניסטער. קורץ: דער רעליגיע מיניסטעריום איז אַ מלוכה־אינסטאַנץ פּונקט ווי אַנדערע מלוכה׳שע אינסטאַנצן.

אויב הרב טאָלעדאַנאָ זאָל דאָס אויספירן, דאַן קאָן מיט דער צייט געוועהלט ווערן אַ הויפּט־רב מיט׳ן כח פון דער רעגירונג און ניט לויט די פאַרשטענדענישן און באַדער־

הרב טאָלעדאַנאַ האָט געוואָלט דורכפירן מיט׳ן כח פון געזעץ, האָט אַרויסגערופן די שאַרפסטע פּראָטעסטן פון דעם העכסטן רבנ׳ישן ראַט פון ישראל. דער העכסטער רבנ׳ישער ראַט האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט דורכפירן די נייע רעגולאַציעס, וועלן זיי באַיקאָטירן די וואַהלן און זאָל דער רעליגיע מיניסטעריום אויסקלייבן אַ קאַזיאָנעם ראַבינער... אידן וועלן דעמאָלט וויסן וועמענ׳ס רב אַזאַ קאַזיאָנער ראַבינער וועט זיין. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער הויפּט־ראַבינאַט וועט דאַן פאַרלירן זיין גאַנצן שטאַנד אין די אייגן פון דער אידישער וועלט.

אָבער די פראַגע איז אַ פיל טיפערע ווי עס קען אויסקוקן אויבערפלעכליך. עס גייט דאָ ניט דווקא אין דעם קאַנדידאַט אָדער יע־

אפילו ווען אין הויפּט־ראַבינאַט זיינען געזעסן גדולי תורה, האָבן זיך אידן נאָך אַלץ צוגעהערט און טאַקע גאָר שטאַרק צום „חזון איש״, בני ברק און צו רבי וועלוועלע בריסקער, אין ירושלים. כאָטש זיי האָבן קיין אָפיציעלן אַמט גאָר ניט געהאַלטן.

ביי אידן האָט שטענדיג געשפּילט אַ ראָלע דער גדול בתורה, צי ער האָט געטראָגן רעגירונגס־עפּאָלעטן צי ניט. דער ווילנער גאון איז ניט געווען אַפילו דער רב פון ווילנע און פונדעסטוועגן איז ער געווען ניט נאָר גרויס און אנערקענט אין ווילנע, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. דאָס גלייכן איז געווען מיט רבי עקיבא אייגער, מיט רבי יצחק אלחנן, מיט׳ן נצי״ב, מיט רבי חיים בריסקער, מיט רבי מאיר שמחה דווינסקער און אַזוי מיט אַלע באַרימטע רבנים פון דער וועלט.

מיר זאָגן ניט, אַז מדינת ישראל אַליין האָט ניט גענוג גרויסע רבנים ביי זיך. אַוודאי האָט ישראל זעהר אַ סך גאונים און גדולים בתורה. והא ראיה, אָט זיינען דאָך צוויי קאַנדידאַטן צום הויפּט־ראַבינאַט טאַקע פון ישראל אַליין. אָבער אין דער זעלבער צייט טאָר מדינת ישראל ניט אויסשליסן די גרויסע רבנים פון חוץ לארץ פון צו זיין קאַנדידאַטן צום הויפּט־ראַבינאַט.

די צוויי נייע תקנות פון הו״ב טאָלעדאַנא וועגן „עלטער״ און וועגן „בירגערשאַפט״ זיינען ניט נאָר ניט קיין גערעכטע, נאָר זיי זיינען הימעל־שרייענדיג אומגערעכטע. ווען אַ גוי׳אישע לאַנד וואָלט געוואָלט איינפירן אַזעלכע תקנות געגען אידן, וואָלטן דאָס אידן באַטראַכט פאַר אַ גזירה.

און זינט ווען איז עלטער, אין די זיבעציגער יאָרן, אַ חסרון ביי אידן פאַר אַ רב? ביי אידן איז גאָר פּונקט פאַרקערט: „זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתן מתישבת עליהן״. תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ רייפער און געזעצטער ווערן זיי אין זייער פאַרשטאַנד.

און ווידער: אויב דער ישראל פּרעמיער און דער ישראל פּרעזידענט קאָנען זיין עלטער ווי 70 יאָר, טאָ פאַרוואָס זאָל דער הויפּט־רב פון ישראל ניט טאָרן זיין עלטער ווי 70?

ס׳איז צו האָפן, אַז די נייע גזירות וואָס הרב טאָלענדאַנאַ, דער רעליגיע־מיניסטער, וויל איינפירן וועלן בטל ווערן איידער זיי וועלן נאָך קומען צו די געזעצגעבענדע אויטאָריטעטן. נאָר עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אפילו דער טראַכטען א׳ פּלאַנירן פון אַזעלכע מאָדנע פּראָצעדורעס געגען רבנים פון דער וועלט, איז ניט שעהן פאַר דער אידישער מדינה, וועלכע די אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן איר געבויט און בויען איר נאָך איצט.

ווען מען פּסל׳ט אַ רב פון אַמעריקע, מיינט עס, געפּסל׳ט גלייכצייטיג די אידן פון אַמעריקע, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך אַן אַמעריקאַנער רב אויך אַן אַמעריקאַנער איד.

און די אידן פון אַמעריקע האָבן זיכער ניט פאַרדינט אַזאַ סאָרט מאָדנע און אומפריינדליכע באַהאַנדלונג.